**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/14/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

## גאווערנער האוקול אנאנסירט גרויסע פארשריטן אין LGBTQ+ יושר'דיגקייט אלס טייל פון פינאנץ-יאר 2023 סטעיט בודזשעט

***רעכנט אריין היסטארישע 13.5 מיליאן דאלער אין LGBTQ+ געזונטהייט און מענטשן סערוויסעס פינאנצירונג***

***שאפט א פראצעס פאר נאמען אדער דזשענדער באשטימונג ענדערונגען אויף הייראט סערטיפיקאטן***

***נאציאנאלע פירער אין פאדערן פון אלע סטעיט אגענטורן גרייט צו מאכן צום פובליק א ׳X׳ דזשענדער באשטימונג אויף סטעיט פארעמס***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט נאכט גערעדט ביי דער LGBT קאמיוניטי צענטער 2022 דינער און געמאלדן גרויסע פארשריטן אין יושר'דיגקייט אונטערנעמונגען פאר דער LGBTQ+ געמיינדע אלס טייל פון דעם איינגעפירטן פינאנץ-יאר 2023 סטעיט בודזשעט. דער בודזשעט נעמט אריין 13.5 מיליאן דאלער פאר׳ן העלט דעפארטמענט צו שטיצן די LGBTQ+ געמיינדע און גיבט מער ווי דאפלט די פריערדיגע יערליכע LGBTQ+ געזונטהייט און מענטשן סערוויסעס פינאנצירונג. עס פאדערט אויך פון אלע סטעיט אגענטורן וועלכע זאמלען אינפארמאציע איבער א מענטש׳ס דזשענדער צו געבן אן אפציע פאר מענטשן אנצוצייכענען זייער דזשענדער אלס ׳X׳ אויף סטעיט פארעמס און ארייננעמען יענע אינפארמאציע אין דאטע פארזאמלונג. דער בודזשעט ערמעגליכט אויך פאר טראנסדזשענדער ניו יארקער צו ענדערן זייערע נעמען אדער דזשענדער באשטימונגען אויף הייראט סערטיפיקאטן כדי נישט צו דארפן האבן א טויט-נאמען דערויף.

״די ארבעט פון די LGBT צענטער איז נויטיג אויף צוזושטעלן אן ארט פון ווירדן, ליבשאפט און באלאנגען פאר מענטשן פון דער LGBTQ געמיינדע, איבערהויפט קוויר און טרענס מענטשן פון קאלירטע אפשטאמס,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״די פארלאפענע צוויי יאר זענען שווער געווען פאר אונז אלע, אבער איבערהויפט פאר LGBTQ+ ניו יארקער וועלכע זענען שטענדיג געצווינגען געווען צו האנדלען מיט א הויכע מאס איזאלאציע צוליב האמאפאביע און טראנספאביע. דערפאר איז אזוי וויכטיג אז אונזער ניי-איינגעפירטע בודזשעט דרוקט אויף פאראויס דעם קאמף פאר גלייכבארעכטיגקייט מיט היסטארישע שטאפלען סטעיט פינאנצירונג און אונטערנעמונגען פאר LGBTQ+ יושר'דיגקייט.״

דער פינאנץ-יאר 2023 בודזשעט נעמט אריין 13.5 מיליאן דאלער פאר׳ן העלט דעפארטמענט — א העכערונג פון 8 מיליאן דאלער איבער׳ן פארלאפענעם פינאנץ-יאר — צו שטיצן די LGBTQ+ געמיינדע און א נעץ פון פראוויידערס, מיט דירעקטע געזונטהייט סערוויסעס, קולטורעלע קענטעניס בילדונג און טרענירונג, ארגאניזאציאנעלע קאפאציטעט בויען און טרענסדזשענדער וואוילזיין אונטערנעמונגען. די העכערונג אנערקענט די לעבנס-רעטנדע ארבעט פון ארגאניזאציעס וועלכע סערווירן LGBTQ+ ניו

יארקער, ווי אויך די צוגעגעבענע פלאגענישן וואס טראנסדזשענדער, דזשענדער נאָן-קאנפאָרמינג און נאָן-ביינערי קאמיוניטי מיטגלידער שטייען אויס.

אפילו נאך דאס דורכפירן דעם ׳דזשענדער אויסדרוק נישט-דיסקרימינירן געזעץ׳ (GENDA) אין 2019, זענען אדוואקאטן ארויסגעקומען צו רעדן איבער די מניעות וועלכע טראנסדזשענדער מענטשן זענען אויסגעשטאנען ביים פרובירן צו ענדערן דעם נאמען אויף זייערע איצטיגע הייראט סערטיפיקאטן. די אפציעס פאראן צו דער קאמיוניטי זענען געווען צו לאזן דעם טויטן נאמען אויסגעשטראכן אויפ׳ן סערטיפיקאט אדער זיך צו גט׳ן און זיך ווידער הייראטן. אין דעם גאווערנער׳ס ערשטן בודזשעט האט זי איינגעפירט לעגיסלאציע אויף צו פאררעכטן דעם פראבלעם און שאפן א פאסיגע און פאזיטיווע צוגאנג פאר טראנסדזשענדער אירע צו ענדערן זייערע נעמען אדער דזשענדער דעזיגנאציע אויף זייערע הייראט לייסענסער.

אין צוגאב רעכנט אריין דער בודזשעט לעגיסלאציע צו פאדערן פון סטעיט אגענטורן צו געבן אן אפציע פאר מענטשן זיך אנצוצייכענען זייער דזשענדער אדער סעקס אלס א נאָן-ביינערי ׳X׳ אויף אלע סטעיט פארעמעס וועלכע זאמלען דזשענדער אדער סעקס אינפארמאציע אנגעהויבן יאנואר 1, 2023. דער לעיבאר דעפארטמענט, אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס, אפיס פאר צייטווייליגע און דיסאַביליטי הילף און דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס וועלן האבן ביז יאנואר 1, 2024. אגענטורן וועלכע קענען נישט נאכקומען דעם דעדליין וועלן מוזן זיין דורכזעעדיג איבער זייערע באמיאונגען נאכצופאלגן דער פאָליסי דורך ארויפשטעלן א פובליק באריכט. מיט׳ן איינפירן דעם ביל און די הייראט סערטיפיקאט נאמען ענדערונג, בלייבט ניו יארק א נאציאנאלע פירער אין פארזיכערן אז סטעיט רעקארדס און אידענטיפיקאציע דאקומענטן טוען ווירקליך אפשפיגלען א מענטש׳ס אידענטיטעט.

דער בודזשעט אינוועסטירט אויך 12.5 מיליאן דאלער — א העכערונג פון 3.7 מיליאן דאלער איבער דעם פאריגן פינאנץ-יאר — צו שטיצן די ארבעט פון דער דיוויזיע פון מענטשן רעכט אויף צו באשיצן ניו יארקער, אריינגערעכנט די LGBTQ+ געמיינדע, פון אומגעזעצליכע דיסקרימינאציע באזירט אויף ווער זיי זענען. די דיוויזיע פון מענטשן רעכט ניצט אויספארשונג, פראקורירונג, און בילדונג צו שטערקער מאכן און הייבן די מענטשן רעכט געזעץ, וואס פארבאט דיסקרימינאציע באזירט אויף סעקס, סעקסועלע אריענטאציע, דזשענדער אידענטיטעט אדער אויסדרוק, הייראט סטאטוס, עלטער, ראסע, נאציאנאלע אפשטאם, דיסאַביליטי, און אנדערע באשטימטע קלאסן.

**באשיצן דער LGBTQ+ קאמיוניטי**
דער פינאנץ-יאר 2023 סטעיט בודזשעט דירעקטירט אויך 25 מיליאן דאלער פאר ׳באשיצן קאמיוניטיס קעגן האס פארברעכנס׳ (SCAHC) גרענטס. אין צוגאב וועלן בענעפיטן ווערן פארברייטערט פאר קרבנות פון האסע פארברעכנס, וועלכע וועלן איצט זיך קענען איינשאפן ביז 2,500 דאלער אין צוריקצאל — א העכערונג פון 2,000 דאלער איבער פארלאפענע יארן.

די דיוויזיע פון מענטשן רעכטן וועלן שאפן א האסע און ביגאטישקייט אפהאלט איינהייט, ערשט אויסגעמאלדן אין גאווערנער האוקול׳ס סטעיט אָוו דע סטעיט רעדע, צוצושטעלן א קאארדינירטע, גיכע און קאמיוניטי-באזירטע אפרוף צו האסע און דיסקרימינאציע אינצידענטן. די איינהייט׳ס אלגעמיינע אויפגאבע וועט ארייננעמען באמיאונגען ארום פובליק בילדונג און ארויסזוך-באמיאונגען, סערווירנדיג אלס אן ערשטע ווארענונג סיסטעם אין ארטיגע קאמיוניטיס און זיך גיך מאביליזירן צו ערטער און קאמיוניטיס אין וועלכע א דיסקרימינאציע אינצידענט אדער אינצידענטן זענען פארגעקומען.

**סטעיט סענאטאר ברעד הוילמען האט געזאגט,** ״דאס איז א היסטארישע מאמענט פאר LGBTQ+ רעכטן באשיצונג אין ניו יארק. אלס איינע פון בלויז צוויי אפענע געי סענאטארס בין איך בין דאנקבאר פאר די באמיאונגען וואס גאווערנער האוקול האט גענומען אויף צו באשיצן אונזער LGTBQ+

באפעלקערונג. די פארשריטן קומען אויף די שפירן פון געוויסע פון די פריערדיגע בילס צו באשיצן LGBTQ+ ניו יארקער וואס איך האב געשטיצט, אריינגערעכנט קריטיש-וויכטיגע לעגיסלאציע ווי GENDA, דער דזשענדער אנערקענונג געזעץ, די פארבאט אויף איבערבייטונג טעראַפּי און דאס אפשאפן ׳גיין און זיין טרענס׳. איבערהויפט אין ליכט פון די אנטי-LGBTQ לעגיסלאציע וועלכע ווערן איינגעפירט איבער׳ן לאנד, האט די ארבעט פון גאווערנער האוקול נישט געקענט קומען אין א בעסערע צייט.״

דער ניו יארק סטעיט ׳לעסביען, געי, בייסעקסועל און טראנסדזשענדער געזונטהייט און מענטשן סערוויסעס נעטווארק׳ (דער נעטוואָרק) איז א קאאליציע געגרונדעט אין 1994 און אנגעפירט דורך דעם ׳צענטער׳, באשטייענדיג פון 71 LGBT-ספעציפיש און LGBT-שטיצנדע נאן-פראפיט ארגאניזאציעס וואס באזארגן אויפפאסונג פאר LGBT ניו יארקער און אונזערע פאמיליעס.

נעטוואָרק מיטגלידער שטיצן און לערנען זיך איינער פון צווייטן, העלפן בויען קאפאציטעט און העכערן זייער פעאיגקייט צו שאפן א מער זיכערע און מער שטיצנדע סטעיט פאר אלע LGBT מענטשן. צום ביישפיל, צוליב דאס אנערקענען אז פילע טראנסדזשענדער קליענטן האבן פארשידנארטיגע לעבנס ערפארונגען — מיט פארשידענע קאמבינאציעס פון ראסיזם, קלאסיזם, און טראנספאביע אדער האמאפאביע — ארבעט דער נעטוואָרק צו פארבעסערן די קוואליטעט פון הילפס-מיטלען און אויפפאסונג וואס יעדע ארגאניזאציע קען אנבאטן פאר דער קאמיוניטי.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418